הבינוני
"לבבו מבין לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

פרשת האזינו-שובה ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון כ"א ||| שנה ב'

# הבינוני

שיעורי
הרב שמעון שפיצער
שליט"א

פטרון סדר דברים
הרוצה בעילום שמו
לטו"נ הרה"ק רבי אלעזר
בן הרה"ק רבי אלימלך זי"ע מריישא

# שבת שובה

## שובה ישראל עד ה' אלקיך;
די ליכטיגקייט פון אַ לעבן מיט 'תשובה'

ה' וילך, ד' תשרי, שנת תשפ"ג

א

## חשבתי דרכי; די טעג זענען געאייגנט צו אָנהויבן לעבן מיט 'ישוב הדעת'

### די מורא'דיגע קרבת ה' אין די טעג

אויפ'ן פסוק אין ישעיה (נה, ו): "**דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב**", זאָגן חז"ל (ר"ה יח, א) אַז **דאָס גייט אַרויף אויף די הייליגע טעג פון 'עשרת ימי תשובה'**.

בפשטות רעדט די גמרא פון תפלה, אַז אין די טעג ווערט אפילו די תפלה פון אַ יחיד נתקבל. אָבער די אמת'ע בליק אין דער גמרא איז אַז **אין די טעג ווערט אַ איד אַזוי נאָנט כביכול מיט השי"ת**, און ווען מען האָט אַזאַ מין נאָנטע קשר מיט'ן אויבערשטן ווערן די תפלות במילא נתקבל.

די 'קבלת התפלות' פון 'עשרת ימי תשובה' ווייזט אויף די געוואַלדיגע קשר וואָס אַ איד האָט מיט'ן אויבערשטן אין די טעג!

ס'איז נישט פשט אַז מען האָט געמאַכט יעצט אַ ספּעציעלע 'סגולה' פון 'קבלת התפלות', פּונקט ווי יעדע תקופה האָט זיך זיין סגולה, האָט מען קובע געווען אַז די צען טעג וועט מען עפענען די טויערן, אַז אויך אַ תפלת יחיד קען נתקבל ווערן בדרך סגולה... נאר באמת **איז דאָס אַ 'סימן' אויף די חשיבות פון די טעג!** די תפלות ווערן נתקבל טאַקע וויבאַלד ס'איז יעצט פאַרהאַן אַזאַ נאָנטקייט מיט'ן באַשעפער!

### ס'איז דאָ אַ ספּעציעלע סייעתא דשמיא פאר 'תשובה'

די טעג פון 'עשרת ימי תשובה' איז דער 'שורש הבריאה', ווען די בריאה האָט זיך אָנגעהויבן, דעריבער איז דאָ יעצט אַ באַזונדערע קשר און נאָנטקייט מיט'ן רבוש"ע, ווייל דער נברא געפינט זיך אין אַ בעסערן מצב, ווי דער פסוק זאָגט (קהלת ז, כט) "**האלוקים עשה את האדם ישר והמה בקשו חשבונות רבים**". מיר זענען נאָך יעצט אַביסל מער 'ישר'.

**יעדע אָנהויב יאָר איז גרינגער פאר אַ איד צו ווערן נענטער מיט השי"ת!** ס'איז נישט בלויז אַז ווען ער האָט אַ בקשה, ער זוכט פרנסה אָדער אַנדערע ישועות, ווערן זיינע תפלות נתקבל, ס'איז אַסאַך טיפער פון דעם! די קבלת תפלות איז אַ "סימן", אַז דאָס איז אַ זמן ווען אַ מענטש קען גרינגער נאָנט ווערן מיט'ן אויבערשטן, און דערפאַר ווערן זיינע תפלות נתקבל!

דאָס ברענגט אונז צו פאַרשטיין אַז פּונקט ווי אַ תפלה קען נתקבל ווערן נענטער צו השי"ת אין די טעג, **דאָס זעלבע אַרבעט תשובה אַסאַך בעסער אין אָט די הייליגע טעג!** אַ מענטש קען אויסנוצן די צייט אויף אַ געוואַלדיגע התקרבות לה', ס'איז דאָ אַ ספּעציעלע סייעתא דשמיא אַז מען זאָל זיך אַצינד קענען מתבונן זיין מיט די ריכטיגע מחשבות און זוכה זיין צו תשובה, מער פון אַגאַנץ יאָר!

### זיין פאַרנומען מיט די ריכטיגע מחשבות אין אַזעלכע טאָג

עס איז ידוע וואָס עס שטייט פונעם **אר"י הק'** (סידור האר"י ז"ל עשי"ת)[א] אַז די עשרת ימי התשובה איז אַזויווי חול המועד, ווען מען אַרבעט נאר פאר אַ 'דבר האבוד'. ס'איז נישט פּאַסיג צו גיין געהעריג צו דער אַרבעט, ווייל מען איז עוסק אין די טעג אין די מחשבות פון תשובה און 'פשפוש המעשים'.

אין דער תקופה ווען הרה"ק רבי **אברהם קאַליסקער** זי"ע האָט געוואוינט אין דער שטאָט טבריי', האָבן אַמאָל די 'סכך' פאַרקויפער זייער שטאַרק געהעכערט די פּרייזן, און דעריבער האָבן די שטאָט לייט זיך צאַמגענומען צו מאַכן אַ תקנה אַז מ'זאָל נישט קויפן קיין סכך ביז זיי וועלן מוזן נידערן די פּרייזן. (אַזוי ווי עס שטייט אין די נושאי כלים פון **שו"ע** (או"ח סימן רמ"ב) לגבי אויב מען איז מייקר שער ביי פיש אויף שבת).

ווען מען איז געקומען צום הייליגן קאַליסקער בעטן אַז ער זאָל מסכים זיין צו דער תקנה, האָט ער זיי געזאָגט: "באמת על פי חשבון זענט איר גערעכט, אָבער אין אַזעלכע טעג, ווען מען דאַרף זיין פאַרנומען מיט "במה יתרצה עבד אל אדוניו", זאָל מען עוסק זיין מיט די סאָרט זאַכן?!", דער צדיק האָט צוגעלייגט: "**איר ווייסט דאך דאָס דחקות וואָס איז דאָ ביי מיר אין שטוב, אָבער גלייבט מיר, אויב איך וואָלט דורכגעגאַנגען אין גאַס און כ'וואָלט געזען אַ גאָלדענע רענדל ליגן אויף דער ערד וואָלט איך זיך נישט איינגעבויגן דאָס צו נעמען, כדי נישט צו מסיח דעת זיין פון דעם סייעתא דשמיא וואָס איז דאָ יעצט, צו קענען תשובה טון!**".

### מען דאַרף אָנהויבן צולייגן קאָפּ; וויאַזוי קען איך זיך טוישן

אודאי זענען מיר נישט אין דער מדריגה פון בכלל נישט מסיח דעת זיין פון תשובה,

א. וז"ל: כתב **בעל ראשית חכמה** (בספרו תוצאות חיים אות נ) **בשם הרמ"ק** ז"ל, כי המימים שבין ר"ה ויוהכ"פ הם כמו חול המועד, ואסורים במלאכה, רק בעסק התורה והתשובה והתבודדות. וכ"כ הרב **רבינו יונה** ז"ל (בשערי תשובה שער השני אות יד).

אָבער יעדער איינער קען כאָטש פּרובירן **צו נעמען דעם ענין, לויט זיין דרגא**, און פּרובירן אַז אונזער מחשבה זאל האָבן אַזאַ סאָרט צוגאַנג פון התבוננות.

ווען אַ מענטש וואָלט צוגעלייגט מער קאָפּ, צו טראַכטן וואָס ער דאַרף פאַררעכטן און וויאַזוי ער קען פאַררעכטן, **וואָלטן מיר געקענט מורא'דיג שיין פּאַראויסגיין פון איין מדריגה צו דער אַנדערער!** אָבער דער שטן פאַרמישט אונז אַגאַנצן צייט, אַז מיר זאָלן 'מסיח דעת' זיין און מען זאָל זיך נישט מתבונן זיין אויף וואָס מיר דאַרפן פאַררעכטן.

### דער יצר הרע וויל איין זאַך; 'היסח הדעת'

ווען אַ קליין קינד מוטשעט אַז ער דאַרף אַ גוטע זאַך, און דער טאַטע וויל אים נישט נאָכגעבן, זאָגט ער פאר דאָס קינד: "קוק, אַ פייגעלע פליעט דאָרט..." אַזוי האָפּט ער אַז דאָס קינד וועט ווערן צעמישט און נישט געדענקן וואָס ער האָט געוואָלט...

דער יצר הרע טוט מיט אונז אַקוראַט די זעלבע זאַך; ער וויל נישט אַז מיר זאָלן געדענקן וואו מיר געפינען אויף דער וועלט, פאַרדרייט ער אונז דעם קאָפּ מיט אַלע סאָרט 'היסח הדעת'. אויב אַ איד לאָזט זיך אָבער נישט, ער איז זיך מתבונן מיט אַ 'ישוב הדעת': וויאַזוי ער קען נאָך אַביסל תשובה טון; וויאַזוי ער קען זיך טוישן און זיך פאַרבעסערן ביי איין ענין און דערנאָך ביי נאָך אַן ענין; **וועט ער זוכה זיין צו אַ געוואַלדיגע סייעתא דשמיא!**

## "געדענקסט אפשר זייער נומער? כ'דאַרף עס פאַר מיין שוואָגער..."

ב

# נחפשה דרכינו ונשובה; די וועג וויאַזוי צו טון 'תשובה מתוך שמחה'

### די גרעסטע 'באַשולדיגונג' קעגן אַ מענטש; "ביזט געבליבן די זעלבע ווי אין ישיבה"...

ס'איז דאָ אַ מימרא, וואָס **לכאורה איז דאָס די מערסט ווייטאָגליכע מימרא וואָס מען קען נאָר הערן!** דאָס איז ווען צוויי חברים טרעפן זיך נאָך אַסאַך יאָרן; זיי האָבן געלערנט אין ישיבה צען- פופצן יאָר צוריק, און יעצט האָט מען זיך נאָכאַמאָל באַגעגנט נאָכ'ן זיך נישט זען פאר לאַנגע יאָרן, איז דאָ אַזאַ ווארט וואָס מענטשן נוצן: "דו האסט זיך גאָרנישט געטוישט פון דעמאָלט... כ'געדענק אים פון ישיבה ער איז ממש געבליבן דער זעלבער... פונקט אַזוי'ווי מיט'ן ווייסן באָרד, אַזוי איז ער געווען אַלס בחור..."

דאָס איז דאך אַזאַ שווערע באַשולדיגונג... קען טאַקע זיין אַז יענער איז געבליבן מיט די זעלבע וועג פון רעדן, אָדער מיט די זעלבע סאָרט תכונת הנפש, וואָס דאָס בלייבט געוועינליך אַלס אַ חלק פון דעם 'מהות', **אָבער צו זאָגן אַז ער איז געבליבן דער זעלבער מענטש ווי יאָרן צוריק?!** מ'קען דאָך נישט מבייש זיין איינעם ברבים מער ווי זאָגן אַזאַ סאָרט סטעיטמענט!

ווען מען פאַרשעמט איינעם מיט אַנדערע זאַכן, איז דאָס אַלעס אויף פּרטים. למשל מען זאָגט אַז יענער שטייט אויף שפּעט, נו, האָט מען גערעדט פון איין ספּעציפישע זאַך, **אָבער דאָ באַשולדיגט מען דעם גאַנצן מענטש!** ס'איז פּונקט ווי מען זאָגט אַז יענער איז אַ צעבראָכענער מאַשין. **ער דרייט זיך אַרום אָבער ער איז געבליבן אויפ'ן זעלבן פּלאַץ די לעצטע פערציג יאָר...** אַמאָל איז עס ליידער אמת, אָבער **כאָטש זאָג עס נישט אַרויס פאר יענעם אין פּנים אַריין...**

### די בושה אויב אַ מענטש כאַפּט נישט וואָס מ'רעדט צו אים

דער רבוש"ע שיקט דאך סימנים פאַר'ן מענטש אַסאַך מאָל דורכאויס דעם טאָג. ער ווייזט אים כסדר: "דאָ דאַרף מען גיין רעכטס, דאָ דאַרף מען גיין לינקס". און אַמאָל דאַרף אים געבן אַ קלאַפּ אַז ער זאָל כאַפּן. ווי דער מדרש זאָגט (מדרש משלי כב, ו): "לחכימא ברמיזא, לשטיא בכורמיזא", דאָס הייסט אַז יעדער באַקומט רמזים לויט זיין הבנה. איינער כאַפּט שוין גלייך אויפ'ן ווינק און אַ צווייטן דאַרף מען שטאַרקער אויפשאָקלען.

איז דאָ אַמאָל אַ מענטש, וועלכער איז אַזאַ טיפּש, אַז אפילו אויב מען וועט אויפשאָקלען די ארבע כנפות הארץ כאַפּט ער נאָך אַלס נישט וואָס מ'רעדט מיט אים.. **אפילו נאָך טויזנטער רמזים וואָס מען שיקט אים איז ער פּשוט נישטאָ..** דאָס איז דאך אַ געפערליכע זאַך, ער איז דאך ממש אַ צעבראָכענער מאַשין.

אַ איד וואָס האָט אַ שווערע נאַטור מיינט דאָס נישט אַז ער איז צעבראָכן. בסך הכל דאַרף ער אַרבעטן אויף זיך. דאָס זעלבע אַ מענטש וואָס האָט געזאָגט אַמאָל עפּעס וואָס האָט נישט געדאַרפט געזאָגט ווערן, קען זיין ער האָט געמאַכט אַ טעות, קען זיין ער האָט נישט געכאַפּט וואָס ער טוט און ער איז געווען אַ שוגג, **אָבער אַ מענטש וואָס לעבט זיך אָפּ צענדליגער יאָרן און ער האָט זיך בכלל נישט געטוישט.** עס גייט דורך טאָג נאָך טאָג, נאַכט נאָך נאַכט און ער איז בלייבט די זעלבע. דאָס איז דאך אַ געוואַלדיגע שרעקליכע בושה.

### מען ווייסט נישט פון וואו אָנצוהויבן

אַסאַך מאָל פּאַסירט דאָס, אַז דער מענטש טוישט זיך נישט, ווייבאַלד ער ווייסט נישט פון וואו צו אָנהויבן. ער האָט אַ לאַנגע ליסטע און ער איז נישט קלאָר וועלכע זאַך ער זאָל צוערשט נעמען. אָבער **צוליב דעם פאַרלירט ער די שענסטע און זיסטע זאַך וואָס איז דאָ אויף דער וועלט - די מתנה פון 'תשובה' וואָס איז באַשאַפן געוואָרן נאָך איידער די בריאה.** דאָס איז דאך די זיסטע זאַך וואָס איז נאָר פאַראַן, נישטאָ קיין זיסערס דערפון.

צדיקים האָבן אַזויפיל גערעדט אַז מ'קען פאַררעכטן אַלע סאָרט פּראָבלעמען דורך 'תשובה מתוך שמחה', דעריבער **איז עס ממש אַ שאד אַז ווען אַ איד הייבט אן אַריינגיין אין זיין מצב ווערט ער שטאַרק צעבראָכן** און לכבוד דעם טוט ער גאָרנישט.

### ער אַרבעט נישט אויף די רפואה ווייל ער שפּירט זיך צעבראָכן...

'משל למה הדבר דומה': לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַז דער אויבערשטער האָט געהאָלפן און מען האָט אויסגעטראַפן אַ לייכטע רפואה פאר דער ביטערער מחלה. אַ מעדיצין וואָס היילט אויס די גאַנצע קרענק און האָט נישט קיין שום זייטיגע ווירקונגען אויפ'ן גוף אַזוי אַז מען קען געהעריג אָנגיין מיט'ן סדר היום. דער רבוש"ע, וואָס איז דער 'בורא רפואות', האָט מחליט געווען אַז ס'איז שוין געקומען די צייט אַז ס'זאָל זיין אַ גרינגע שנעלע רפואה פאר דעם ענין, און אידישע קינדער זאָלן קענען אויסגעהיילט ווערן לאלפים ולרבבות.

האָט מען אויסגעקליבן אַ געוויסן איד וואָס ער וועט האָבן די געוואַלדיגע זכי' און געלעגנהייט צו פּראָדוצירן די סאָרט רפואה. און מען זאָגט פאר דעם מענטש: "זאָלסט וויסן מיט וואָס דו ביזט עוסק! זיי זיך מתבונן וויפיל אידישע קינדער ליגן נעבעך אין שפּיטעלער און וויפיל אלמנות ויתומים זענען פאַראַן דורך די ביטערע מחלה! ווען דו גייסט עוסק זיין אין דער רפואה, ביזטו עוסק אין תיקון העולם אויפ'ן שטאַרקסטן פאַרנעם! טו עס מיט אַן ערנסטקייט, דערהער וואָס פאַראַ טיפע ישועה דיין אַרבעט גייט זיין פאַר אידישע קינדער".

כדי אַז דער מענטש זאל דאָס גוט פאַרשטיין האָט מען אים גענומען צו שפּיטעלער, ער זאָל זען מיט די אויגן וויאַזוי מענטשן מוטשען זיך נעבעך מיט יסורים ה"י, אַז ער זאָל דערהערן ווי חשוב ס'איז דער ענין וואָס ער גייט טון.

למעשה קומט דער מענטש אַריין צו דער אַרבעט און ער זאָגט אַז ער קען נישט יעצט געהעריג אַרבעטן, ווייל ער איז מורא'דיג צעבראָכן. "**איך בין אויס מענטש, אפשר מאָרגן וועל איך קענען אַרבעטן, היינט איז מיין קאָפּ נישטאָ**". ווען מען פרעגט אים וואָס האָט פּאַסירט זאָגט ער: "ווען דו וואָלסט געזען וואָס איך האָב געזען אין די שפּיטעלער, וואָלסט אויך נישט געקענט יעצט אַרבעטן"...

## אַנערקענען די צרה דארף ברענגען אַ שמחה צו ווילן פאַררעכטן

וואָס איז דער אמת?! אַז מען האָט אויסגעקליבן דעם מענטש טאַקע פאר די סיבה: צו ערפינדן אַ רפואה וואָס זאָל העלפן פאר די אַלע אידן! אויב אַזוי איז דאָך אדרבה! **זיין אויפגאַבע דארף אים אַריינברענגען אַ געוואַלדיגע שמחה!** דאס וואָס ער האָט געזען אין שפּיטאָל דארף אים אַריינבלאָזן ענערגיע און מחשבה **צו טון זיין אַרבעט מיט אַ פלייסיגקייט**, נישט דאָס פאַרקערטע!

**ממש דאָס זעלבע איז ביי דעם ענין פון 'תשובה' און 'פשפוש המעשים'!**

תשובה איז אַ 'רפואה', תשובה איז אַ מהלך צו אויסהיילן און פאַררעכטן אַלע סאָרט פּראָבלעמען פון דער וועלט! תשובה העלפט טאַקע אויך צו פאַרמיידן ביטערע מחלות! ליידער איז אַריבער נישט קיין לייכטע יאָר, ס'איז געווען אַזויפיל צרות און אומגליקן ביי יונגע מענטשן ה"י וואָס האָט געריסן דאָס האַרץ, אָבער **דער רבוש"ע האָט אונז געגעבן אַ מהלך אַז מען זאָל דאָס פאַררעכטן, אַז ס'זאָל נישט דאַרפן זיין אַזעלכע האַרצרייסנדע זאַכן.** דורך תשובה וועט דער אויבערשטער אונז נישט דאַרפן אַזוי שטאַרק שאָקלען און וועקן.

ווען אַ איד איז עוסק בתשובה דארף אים דאָס ברענגען אַ מורא'דיגע שמחה, ווייל ער קען דורכדעם ברענגען אַ 'תיקון הבריאה'! ווען ער זאָל זיך מתבונן זיין **וויפיל בעסער ער קען מאַכן פאַר דער וועלט**, וואָלט אים עס געגעבן די ריכטיגע שמחה אַז ער זאָל זיך קענען אַריינלייגן באמת צו טון אַ תשובה שלימה!

## הטוב ומטיב לרעים ולטובים

אין די הייליגע טעג זאָגט מען מיט אַ געוואַלדיגע התעוררות דעם 'פיוט' פון **'וכל מאמינים'**, וואָס איז פון די געהויבענע חלקים ביים דאַווענען פון ראש השנה און יוה"ק. ווען מען איז זיך מתבונן אין די ווערטער זעט מען אַז **אַכציג - ניינציג פּראָצענט דערפון איז פּשוט'ע חיזוק!** אין דעם פיוט רעדט דער רבוש"ע צו אַ איד און ווייזט אים: **"קום אַביסעלע נענטער, לאָמיר זען וויאַזוי דו קענסט נאָך אַביסל פאַררעכטן און וויאַזוי דו קענסט ווערן נאָך אַביסל בעסער"**.

אַז מען נעמט אַרויס דעם מחזור און מען גייט דורך שטיקל נאָך שטיקל; 'הקצר בזעם ומאריך אף', 'הטוב ומטיב לרעים ולטובים', און אַזוי ווייטער, זעט מען אַז **אַלעס איז דברי חיזוק אַז דער רבוש"ע ווארט אויף דעם פּשוט'ן מענטש פון 'אונזער' דור וואָס מוטשעט זיך מיט 'אונזערע' סאָרט נסיונות.** דער אויבערשטער וויל אַז ער זאָל זיך מתבונן זיין און טראַכטן די ריכטיגע מחשבות פון תשובה וואָס וועלן אים צוריקשטעלן אין גוטן וועג.

## 'תשובה' קען נאר זיין אויב דער מח איז פריש און בשמחה

עס שטייט אין אַסאַך **ספרים הק'**[ב] אַז די אותיות 'מחשבה' איז די זעלבע אותיות ווי 'בשמחה'. מ'זעט דאָס בחוש אַז **ווען אַ מענטש איז בשמחה אַרבעט זיין מח בעסער.** ווען ער איז נישט פאַרקלאַפּט דעמאָלט שפּרודלט די מח און קען אויפקומען מיט גוטע פּלענער און מחשבות וויאַזוי ריכטיג זיך צו פאַרבעסערן זיינע מעשים.

די 'אלף בית' פון תשובה איז אַז די מח זאל אַרבעטן! מען רעדט נישט יעצט וועגן דעם אַז ס'איז געווען אַן ענין ביי חסידים צו טון 'תשובה מתוך שמחה' ווייל עצבות קען ברענגען דאָס אַרגסטע. לאָמיר רעדן אפילו פּשוט 'פּראַקטיש גערעדט'! **בלויז ווען אַ מענטש איז בשמחה איז זיין מח וואַך** און ער קען מצליח זיין זיך צו מתבונן זיין מיט אַ גרינטליכקייט, וויאַזוי זיך צו אַוועקשטעלן אויף אַ בעסערע פּלאַץ.

## מאַכן 'התבוננות' אויף אַלע סאָרט סיטואַציעס פון אונזער לעבן

ווען דער מח אַרבעט קען מען קען אַריינטראַכטן וועלכע סאָרט מצבים פון מיין לעבן איז נישט גוט פאר מיין רוחניות; **למשל ווען איך טרעף זיך מיט יענעם איד קומט אַלעמאָל אַרויס פון מיר דיבורים וואָס טויגן נישט.** אפילו ווען ס'איז לאו דוקא 'לשון הרע' אָדער 'רכילות', אָבער ס'איז 'התפארות', איך האַלט זיך איין אויפטון, זעט אויס ס'איז געבליבן שיריים פון אַ קאָנקורענץ וואָס איך האָב געהאַט מיט יענעם אין ישיבה, איך מאַך שוין חתונה אייניקלעך אָבער ס'איז נאָך געבליבן יענע לאָך און איך פּרוביר זיך נאָך אַלס אויפצוטון ווען איך באַגעגן יענעם...

דאָס זעלבע קענען מיר זיך מתבונן זיין אויף אַלע סאָרט ענינים; אַלע חלקים פון אונזער טאָג וואָס טויגן נישט און וואו מיר קענען בעסער ווערן; און אַלע סאָרט חלקים פון אונזער נפש וואָס זענען נישט ווי ס'דאַרף צו זיין.

אפילו אויב מיר ווייסן נאָכנישט גענוי וואָס צו טון כדי זיך צו טוישן, אָבער אויב מען איז זיך מתבונן מיט אַ 'שמחה של מצוה', **דעמאָלט וועט דער רבוש"ע שוין אַריינשיקן עצות אין קאָפּ**, אַז מען זאָל קענען תשובה טון.

## יעדער איד קען אָנקומען גאָר הויך

די 'עשרת ימי תשובה' זענען טעג וואָס מען איז עוסק שטאַרק אין 'מחשבה'. דאָס איז אָבער נישט קיין מחשבה וואָס צעקוועטשט דעם מענטש ח"ו, נאר **מחשבות וואָס ברענגען אַ 'שמחה'**, ווען מען איז זיך מתבונן ווי ווייט מען קען אָנקומען!

דער רבוש"ע האָט אויסגעשטעלט אַז אַ איד קען אָנקומען זייער ווייט אָבער דער 'יצר הרע' וויל אַז מיר זאָלן נישט זיין באַוואוסטזיניג דערוועגן. ער מאַכט אַז מ'זאָל זיין כסדר פאַרנומען מיט אַלע סאָרט הבלים, ווייל אויב וואָלטן מיר באמת געאַרבעט אויף אַלע זאַכן וואָלט מען אָנגעקומען זייער ווייט!

אפילו אויף אַזאַ זאַך ווי **'תאות אכילה'** קען מען זיך מתבונן זיין. מעגליך אַז מען איז נאָכנישט גרייט אויף דעם, אָבער מען לייגט דאָס כאָטש אַוועק אין אַ זייט, מיט'ן חשבון אַז איין טאָג גייט מען אָנקומען דערצו, מען דאַרף דאָס נאָך אַמאָל מסדר זיין... **מיט אַזאַ צוגאַנג וואָלט מען אָנגעקומען גאָר ווייט!** טאַקע נישט מיט אַלע מדריגות אויף איינמאָל, אָבער יאָ צוביסלעך.

ווען חז"ל האָבן אונז געזאָגט (פסחים סו, ב) **"ישראל אם אין נביאים הן, בני נביאים הן"**, איז דאָס נישט קיין ווערטל! **אַ איד איז אויסגעשטעלט אַז ער קען אָנקומען צו גאָר הויכע מדריגות, ער קען אָנקומען צו אַלע ענינים פון רוחניות!** אודאי קענען מיר נישט דערגרייכן צו די מדריגה פון נבואה וואָס איז געווען בתקופת הבית, אָבער די ביטול וואָס אַ איד האָט, ווען ער איז מוותר אויף איין זאַך און אויף נאָך אַ זאַך, ער פאַרבעסערט זיך פאַר'ן רבוש"ע, דאָס העלפט אים אַז ער זאָל זיך גענצליך טוישן און גיין ממדריגה למדריגה!



# ולבבו יבין ושב: דאָס וויכטיגקייט פון 'התבוננות'

## אַ איד האָט אַ גוטן שמעק, נוץ דאָס אויס!

אַ מענטש דארף זיך מתבונן זיין. אַמאָל איז ער געשטראַנדעט מיט איין קרומע מחשבה, וואָס פאַרדרייט אים דעם גאַנצן מהלך החיים, און אַדאַנק דעם רוקט ער זיך נישט ווייטער. זיי זיך מתבונן; טויש וואָס מ'דאַרף און גיי צום קומענדיגן שטאַפּל.

פּונקט ווי דער אויבערשטער האָט געמאַכט אַז ווען אַ מאכל איז נישט גוט קען מען דאָס געבן אַ שמעק און גלייך זען אַז דאָס איז נישט פריש, "כ'ווייס נישט פּונקטליך וואָס איז מיט דעם עסנוואַרג אָבער איך וואָלט עס נישט געגעסן... עפּעס שמעקט נישט גוט דא..." דאָס זעלבע האָט אַ איד אַ גוטן שמעק. ווען אינמיטן די הייליגע טעג האָט ער אַ צעבראָכן האַרץ און ער רעדט זיך אויס צום באַשעפער דעמאָלט שפּירט ער: **"אָה דאָס האָט געהאַט אַ אידישן שמעק"**.

די זעלבע זאַך איז דאָ אויך פאַרקערט; אַ מענטש האָט געשמועסט אַ פערטל שעה מיט איינעם, און ווען ער גייט אַוועק שפּירט ער אַז: "עפּעס האָט נישט גוט געשמעקט דאָ, כ'ווייס נישט פּונקטליך וואָס, אפשר ווייל אינמיטן דעם שמועס האָט איך איינעם געטשעפּעט, אפשר ווייל ס'איז געווען אַן איבעריגע 'ביטול הזמן'"...

**די 'עשרת ימי תשובה' איז געאייגנט פאַרדעם!** ווען אַ איד איז זיך באמת מתבונן אויף אַלעס וואָס טוט זיך אַרום אים, כאַפּט ער אויף אַ געוואַלד מיט זאַכן. אָבער דאָס צעברעכט אים נישט! ער ווייסט אַז ער האָט נאָך טאַקע אַ לאַנגע וועג צו גיין אָבער ער איז זיכער אַז דער אויבערשטער גייט אים העלפן.

## אויב דו האסט נאָך אַסאַך וואָס צו

---

ב. שורש הדבר בתקוני זהר תקון כב (סז, א) והובא בספרי קודש רבים.

## פאַררעכטן איז דאָס אַ סימן אויף 'אריכות ימים'...

אין די הייליגע טעג, ביי 'פּתיחת הארון' בעפאָר קריאת התורה, זאָגט מען דעם יהי רצון וואו מען איז מתפּלל אויף 'חיים ארוכים וטובים בעסקי תורתך'. דאָס הייסט אַז **אַ איד דאַווענט פאר אריכות ימים כדי ער זאָל נאָך קענען פאַררעכטן אַלעס וואָס ער דאַרף מתקן זיין!** ער האָט נאָך אַ פּלאַן פאר פופציג יאָר פון אַרבעט און ער בעט דעם אויבערשטן אַז ער זאָל דאָס קענען באַווייזן. **ער ווייסט גוט אַז דאָס גייט נישט געשען אין איין טאָג,** דעריבער איז ער מתפּלל אַז דער רבוש"ע זאָל אים העלפן צו לעבן לאַנג אַז ער זאָל קענען מתקן זיין אַביסל און נאָך אַביסל.

ווען אַ איד זעט אַז ער דאַרף אַרבעטן אויף טויזנטער זאַכן, **איז דאָס בסך הכל אַ סימן אויף 'אריכות ימים'**... ווער נישט צעבראָכן דערפון! הייב אן גיין אויפ'ן וועג און שטעל זיך נישט אָפּ! פאַררעכט צוביסלעך קליינע זאַכן, און איינס וועט ברענגען דאָס צווייטע.

## תשובה אפילו אויף איין זאַך וועט העלפן צו שטייגן מיט אַלעס

'תשובה' איז נישט קיין גוי'אישע טעכנישע זאַך, וואָס אויב מען איז עוסק צו מתקן זיין איין ענין וועט מען אָנקומען בלויז מיט די זאַך. **תשובה איז אַ באַגריף פון 'קרבת אלוקים'!** ווען אַ מענטש אַרבעט, צום ביישפּיל, אויף זאָגן די 'מאה ברכות' מיט כוונה, וועט דאָס אים העלפן צו זיין 'זהיר בכבוד חבריו', **ווייל אַז דו ווערסט נאָענטער צום אויבערשטן וועט ער דיך העלפן מיט אַלע ענינים!** איינס וועט ברענגען דאָס צווייטע.

## לאָמיר זיך אָנהויבן קוקן אין שפּיגל צו אונטערהערן אונזער 'סדר היום'

וויפיל מער אַ מענטש איז מפשפש במעשיו אין די טעג, וויפיל מער ער עפּענט די אויגן און קוקט זיך אַרום אַביסל, וועט ער טרעפן זאַכן וואָס ער דאַרף פאַררעכטן.

ווען אַ מענטש וואָלט זיך רעקאָרדירט אויף איין טאָג - און בעסער אַז ער זאָל אפילו נישט וויסן נאר אַ חבר זאל אַריינלייגן אַ רעקאָרדירונג אין זיין טאַש ווען ער ווייסט נישט - און נאָכדעם וואָלט ער גענומען אַ פען און אַ פּאַפּיר און אַראָפּגעשריבן וואָס איז פאָרגעגאַנגען אין דעם טאָג, וואָלט ער זיך געקענט אַזוי סאַך לערנען דערפון... זייער אַסאַך מענטשן וואָלטן נאָך אַ שעה צייט פאַרמאַכט דעם רעקאָרדער, עס אַרויסגעוואָרפן און פאַרברענגט און זיי וואָלטן קיינמאָל נישט מוחל געווען דער וואָס האָט דאָס רעקאָרדירט... **מיר דאַרפן זיך אָנהויבן קוקן אין שפּיגל און זיך מתבונן זיין אויף וואָס שפּילט זיך אָפּ מיט אונזער טאָג טעגליכן לעבן!**

## דער יסוד פון "דמיפרע לא דייק"

די גמרא אין מסכת **כתובות** זאָגט (דף פז, ב) אַז אַ פרוי וואָס טענה'ט אַז זי האָט בלויז באַקומען אַ חלק פון איר 'כתובה' געלט און זי מאָנט אָפּ דאָס איבריגע, אָבער דער מאַן זאָגט אַז ער האָט שוין באַצאָלט די גאַנצע, קען זי נישט אַרויסנעמען פון אים דאָס געלט בלויז מיט אַ שבועה. פאַרוואָס?! ווייל "דפרע דייק, דמיפרע לא דייק". דאָס הייסט אַז ווען אַ מענטש נעמט געלט פון אַ צווייטן, ער באָרגט יענעמ'ס קרעדיט קאַרטל ווייל ער וויל קויפן 'עטליכע קלייניגקייטן', שפּעטער ווען דער חבר פרעגט אים "וויפיל האָסטו גענוצט", זאָגט ער: "מסתם 50-60 דאָלער"... - ווען מען פרעגט אים, אַז ער זאָל זיך דערמאַנען מער פּונקטליך, זאָגט ער: "אָה, אפשר הונדערט דאָלער"... למעשה, ווען מען ווייזט אים אַז ס'איז דאָ חשבון פון 500 דאָלער, זאָגט ער: "כ'האב זיך נישט געכאַפּט אַז ס'איז געווען אַזויפיל געלט"..

## דער מענטש כאַפּט נישט וואָס ער האָט געטון

דאָס איז אַ תכונת הנפש פון דעם מענטש אַז ער לייגט נישט צו צופיל קאָפּ ווען עס האַנדלט זיך וועגן זיינע אומאַנגענעמע חלקים. מען פרעגט דעם מענטש: "וויפיל עבירות האָסטו געטון דעם היינטיגן טאָג?!" ענטפערט ער: "אפשר איינס, צוויי". פרעגט מען אים: "וואָלסט געקענט שווערן דערויף?!"....

דאָס איז וויאַזוי מיר פירן זיך אויף מיט אַלע סאָרט ענינים. מענטשן לייגן נישט צו קיין קאָפּ: "וויפיל האָט דיך עס געקאָסט?" - "בערך הונדערט דאָלער". "וויפיל אַזייגער ווערסטו קומען צו דער חברותא ביינאַכט?!" - "כ'וועל דאָרט זיין ניין אַזייגער לכאורה". "באמת?!", - "אָה, אפשר וועט עס זיין צוואָנציג נאָך ניין"... **אַגאַנצן טאָג לעבן מיר אויף דעם אופן!**

## זיך אָנהויבן צו קענען ריכטיג

ווען מען רעדט דערפון אַז דער מענטש זאָל זיך אָנהויבן מפשפש זיין במעשיו, מיינט דאָס אַז ער זאָל אַרומקוקן אַביסל, **אפילו בלויז איין שעה אַ טאָג, זיך צו באַטראַכטן וויאַזוי ער רעדט; וואָס ער טראַכט; וויאַזוי ער פירט זיך אויף, א.א.וו.** אַז ער וועט קוקן וועט באַמערקן אַז דאָס איז אַסאַך ערגער פון וויפיל ער האָט זיך פאָרגעשטעלט... אָבער אַן ערליכער איד ווערט נישט דערשראָקן דערפון, ווייל צוערשט העלפט עס אים פאר די 'ענוה', אַז ער זאָל נישט זיין אַזוי גרויס ביי זיך, און אויסערדעם העלפט עס אים אַז ער זאָל באַקומען דעם ריכטיגן בילד פון זיך אליינס.

**"ס'איז דא אַ מושג פון "לערנען חסידי'שע ספרים" און ס'איז דא אַ מושג פון "דאווענען חסידי'שע ספרים"...**

## מיט אַביסל התבוננות דאַרף מען נישט גיין צום גראַפילאָג...

ס'איז דאָ מענטשן וואָס שיקן אַריין זייער שריפט צו אַ 'גראַפילאָג' כדי אַז יענער זאל זיי פאַרציילן זייער מהות. באמת אָבער קען דער מענטש דאָס אליינס טון, אָן שיקן אַ 'כתב יד' פאר אַ צווייטן. **ער זאָל בלויז נעמען אַ צעטל און שרייבן וועגן זיך אליינס:** "איך האָב ליב כבוד, איך האָב נישט ליב ווען מענטשן זאָגן מיר וואָס צו טון"... אַז מען איז זיך בודק אַביסל, מיט אַ שטיקל 'התבוננות', קען מען שרייבן אַזאַ גאַנצע רשימה! **מען דאַרף נישט זיין גרויסער 'נביא' צו וויסן די אייגענע 'תכונת הנפש' מיט וואָס מען מוטשעט זיך...** אַזוי קען מען האָבן אַ בילד אויף זיך אליינס.

דאָס איז זייער וויכטיג, צו מקיים זיין דעם 'יפשפש במעשיו', ווייל ווען דער מענטש לעבט אין אַ שקר, איז בכלל נישטאָ צו וועמען צו רעדן, אָבער ווען ער הייבט זיך אָן אליינס קענען, ער ווייסט זיינע פּראָבלעמען, ווערט ער אַן אַנדערער מענטש, ער אליינס הייבט אָן צו זוכן עצות.

## באַגרייפן דעם מצב איז די אָנהויב פון דעם לעזונג

ס'איז דאָ היינט פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס **וואָס העלפן מענטש מסדר זיין זייערע חובות.** זיי גייען איבער מיט'ן מענטש: וואָס זענען זיינע חובות; וואָס זענען זיינע הוצאות; וואָס זענען זיינע הכנסות; און וואו ער גיט אויס געלט אָן קיין חשבון. אַזוי העלפט מען אים און דאָס איז אַ גרויסע ישועה פאר מענטשן.

אַסאַך מאָל אַרבעט דאָס מיט דעם זעלבן צוגאַנג ווי פריער. צוערשט ווייסט ניטאַמאָל דער מענטש וויפיל חובות ער פאַרמאָגט. זיין ניגון גייט אַז: "כ'וויל נישט בודק זיין, כ'וויל נישט טראַכטן... ס'שטייט דאך "אין הברכה שרויה אלא בדבר הסמוי מן העין...לכאורה האָב איך אַרום דרייסיג פערציג טויזנט דאָלער חובות"...

למעשה זעצט מען זיך אַוועק מיט דעם מענטש, און ס'שטעלט זיך אַרויס אַז זיינע חובות דערגרייכן אַרום 170 טויזנט דאָלער...

וואָס פּאַסירט נאָכדעם?! עס געשעט אַן אינטערעסאַנטע זאַך. ביז יעצט האָט מען אים מציע געווען צו אָננעמען אַ זייטיגע ביינאַכט אַרבעט; מען האָט אים מציע געווען צו מאַכן אַ שיעור אין 'חובת הלבבות שער הבטחון'; מען האָט אים מציע געווען צו לעבן מער מיט אַ חשבון; מען האָט אים מציע געווען צו גיין צו אַ מענטש וואָס קען אַרויסהעלפן אין אַזעלכע מצבים, אָבער ער האָט יעדן אָפּגעוואָרפן: **"ס'איז בסדר, כ'שטיי גאַנץ גוט, עס פעלט נישט אויס"...**

יעצט ווען ער האָט ענדליך באַגריפן זיין מצב, הייבט אים שוין אן פאַראינטערעסירן זאַכן. "זאָג מיר, האסט מיר אַמאָל אַריינגעוואָרפן אַז ס'איז דאָ אַן אָרגאַניזאַציע וואָס טוט אין די זאַכן, געדענקסט אפשר זייער נומער? כ'דאַרף עס פאַר מיין שוואָגער..." אָה, עס אינטערעסירט אים שוין צו ווערן געהאָלפן.

## 'התבוננות' ברענגט אַ 'ביקוש' צו וועלן הערן די עצות פון צדיקים

אַזוי אַרבעט עס אויך ברוחניות. ווען אַ מענטש באַקענט זיך אַביסל בעסער מיט זיין מצב

דאַרף ער נישט אַצינד ווערן צעבראָכן, פּונקט פאַרקערט! פון יעצט, **ווען ער גייט הערן אַ וואָרט פון אַ צדיק וועט ער דאָס כאַפּן מיטביידע הענט:** "כ'האָב טאַקע געזוכט אַן עצה אויף דעם ענין! דאָס וואָרט איז מיר נוגע, איך לייד דאך אויך אויף דעם פּראָבלעם".

אַסאַך מאָל הערט מען עצות פון צדיקים און דער מענטש טראַכט: "איך בין ב"ה מסודר, דאָס איז נישט פאר מיר געזאָגט געוואָרן". **ער שפּירט נישט אַז עפּעס פעלט אים, ווייל ער האָט נישט מפשפש געווען במעשיו!** ער האָט קיינמאָל זיך אַרומגעקוקט אויף זיין אייגענעווירטשאַפט, ער האָט זיך נישט רעקאָרדירט אַגאַנצן טאָג צו כאַפּן אַז ער איז געבליבן אין דעם זעלבן לאך...

### די נעימות פון זיין אַ 'מקבל'

אָבער **ווען אַ מענטש איז זיך מתבונן אין זיין אמת'ע מצב, ווערט ער אַ 'מקבל'!** ס'איז אַזוי געשמאַק צו זיין אַ 'מקבל'! מ'זעט אַמאָל בעלי תשובות וואָס שלינגען ממש מיט דאָרשט יעדעס אידיש וואָרט וואָס זיי הערן, זיי שרייבן דאָס אָפּ און זיי דערקוויקן זיך דערמיט. ווייל זיי שפּירן אַז: **"דאָס איז מיר מורא'דיג וויכטיג, איך דאַרף דאָס האָבן!".**

איינער וואָס לעבט נישט אין דעם מצב פון 'פשפש במעשיו' און ער לערנט גמרא, טרעפט ער דאָרט גאָרנישט וואָס אים נוגע. ער לערנט אַ חסיד'ישע ספר וואָס רעדט וועגן אַן ענין וואָס ער דאַרף וויכטיג הערן, אָבער ער דערמאַנט זיך אינמיטן אַ וואָרט אָדער אַ גימטריא... **ער איז נישט דאָהי!** ער כאַפּט בכלל נישט אַז דער צדיק רעדט וועגן זאַכן וואָס ער דאַרף וויסן!

די 'פשפוש המעשים' עפענט אויף די חושים און דאָס האַרץ פון דעם מענטש; **ער זיצט דאך סייווי ביי דער גמרא, ער לערנט דאך סייווי חסיד'ישע ספרים, ער הערט דאך במילא ווערטער פון ערליכע אידן,** איז דאך אַ שאָד אַז ער איז נישט משים לב אַז דאָס איז אַלעס עצות וואָס גייט אים העלפן!

### יעדער קען אויפכאַפּן די איידעלע רמזים וואָס השי"ת שיקט אונז

דער רבוש"ע וויל נישט דוקא אַז דער מענטש זאָל זיך דאַרפן לערנען אויפ'ן שווערן וועג, ער זאָל מוזן בטל ווערן פאַר'ן באַשעפער דורך דינים חלילה. דאָס איז בלויז ווען ס'איז נישטאָ קיין אַנדערע ברירה, מוז מען אַביסל שווער מאַכן פאַר'ן מענטש. אָבער דערפאַר ווארט דער אויבערשטער אויף אונזער אמונה, אַז מיר זאָלן דאָס אליינס פאַרשטיין, נאר איידער ער דערמאַנט אונז.

**יעדער איד קען ווערן אן עבד לה', ער דאַרף נאר כאַפּן די איידעלע סימנים וואָס דער אויבערשטער שיקט אים!** דעמאָלט וועט ער זיך איינשפּאָרן אַסאַך יסורים. ווי געזאָגט, אַז **ווען אַ מענטש איז אַ 'מפשפש במעשיו' וועט ער טרעפן זייער אַסאַך סימנים וואו און וואָס ער דאַרף מתקן זיין,** דעמאָלט וועט ער כאָטש אָנהויבן זוכן 'עצות' און 'מהלכים' און דער אויבערשטער וועט אים אודאי העלפן!

ד

# גדולה שימושה יותר מלימודה; פון די גרעסטע 'דרכי תשובה' איז זיך לערנען די התנהגות פון ערליכע אידן

### מען קען נישט צוריק באַקומען די 'לייסענס' איידער מען לערנט זיך נישט נאָכאַמאָל דרייוון

עס שטייט אין **חז"ל** (ויק"ר כה, א) אַז אַ מענטש וואָס איז אַ 'בעל תשובה' - וואָס בעצם זענען מיר אַלע אין דעם כלל - זאל לערנען מער: "**אם היה רגיל לקרות דף אחד ביום, יקרא שני דפין, ואם היה רגיל לשנות פרק אחד, ישנה שני פרקים.**" איינס פון די מהלכים פון תשובה איז צו מוסיף זיין בלימוד התורה.

דאָ ליגט אַ פּשוט'ע הבנה: למשל ס'איז געווען אַ דאָקטער וואָס האָט געטון אַ פּראָצעדור וואָס האָט נישט געטויגט און ער האָט געשעדיגט אַ פּאַציענט, **נעמט מען אים אַוועק די לייסענס און מען וועט אים דאָס נישט צוריקגעגעבן ביז ער וועט נאָכאַמאָל גיין זיך לערנען דאָקטעריי און זיך פאַרהערן דערויף!**

דאָס זעלבע ווען איינער דרייווט אַ קאַר און ער האָט געשעדיגט אַנדערע מענטשן צוליב פאַרנאַכלעסיגקייט, **נעמט מען אים צו די פּערמיט, ביז ער לערנט זיך נאָכאַמאָל אַלע רעגולאַציעס פון דרייוון,** און בלויז דעמאָלט קען ער צוריקגיין אויפ'ן ראָוד.

### דער 'בעל תשובה' מוז לערנען מער כדי צו וויסן דעם ריכטיגן וועג

דער 'בעל תשובה' האָט ביז יעצט כסדר אַריינגעקלאַפּט און געשעדיגט זאַכן. ממש ווי אַ שעדליכער דרייווער; דאָ האָט ער פּוגע געווען '**בין אדם לחבירו**'; דאָ האָט ער פּוגע געווען '**בין איש לאשתו**'; דאָ האָט ער געטון אַ זאַך וואָס האָט **אַוועקגענומען 'שפע' פון דער וועלט.** יעדע צווייטע זאַך וואָס ער האָט געטון איז געווען טעותים און גרייזן.

נעמט מען אים אַפּיר און מען זאָגט: "**קום, לאָמיר לערנען וויאַזוי מ'דאַרף זיך אויפפירן**". אויב ער זאָגט: "איך לערן שוין", זאָגט מען אים: "**זעהט אויס אַז דו דאַרפסט לערנען מער. נישטאָ קיין ברירה, דאַרפסט דאך וויסן וויאַזוי זיך צו באַגיין ווען מען דרייט זיך דאָ אויף דער וועלט**".

### לערנען תורה וואָס איז נוגע פאַר'ן מענטש

מען דאַרף כסדר חזר'ן וואָס עס שטייט אין ספה"ק '**צוואת הריב"ש**' פון הייליגן בעש"ט הק', אַז דער יצר הרע ווייסט אַז אויב וועט ער איבעררעדן דעם מענטש אַז ער זאָל בכלל נישט לערנען וועט מען אים נישט אויסהערן, דעריבער **רעדט ער איין אַז מען זאָל לערנען זאַכן וואָס איז בכלל נישט נוגע און וואָס ברענגט נישט קיין יראת שמים.**

דער יצר הרע איז מסכים אַז דער מענטש זאל לערנען, **אבי מען זאָל נישט לערנען אַזעלכע זאַכן וואָס וועט אים טוישן!** דער יצר האָט נישט ליב אַז מען זאָל לערנען וויאַזוי צו דאַווענען; אָדער לערנען די הלכות פון 'ממונות' נישט ח"ו צו מזיק זיין און גנב'ן פון אַנדערע; אָדער לערנען וויאַזוי צו אָפּהיטן דאָס מויל, וואָס מען מעג זאָגן און וואָס נישט; אָדער בכלל אַז דאָס לערנען זאָל זיין אויף אַן אופן פון זיין בטל ומבוטל צום רבוש"ע און זיין אן עבד לה'. **דאָס איז אַלעס אַזאַ סאָרט תורה וואָס איז אַ גרויסע פּראָבלעם פאַר'ן יצר.**

### מוסיף זיין בלימוד התורה האָט נאָך אַ משמעות

אודאי איז זיכער אַז **די ביטול פון 'זיצן ביי דער גמרא און לערנען' איז אַ מורא'דיגע ביטול פאַר'ן אויבערשטן, וואָס אַנדערע זאַכן קענען נישט ברענגען!** ווען אַ איד זיצט און האָרעוועט אויף אַ שטיקל גמרא אָדער אַ תוספות. ער שטרענגט זיך אָן: "ס'איז מיר טאַקע שווער אָבער לאָמיר לערנען נאָך אַביסל ברציפות". דאָס איז אַ געוואַלדיגע ביטול להשי"ת!

אָבער בנוסף לזה איז דאָ נאָך אַ מהלך אין תשובה: **אַז אַ מענטש זאל לערנען דוקא אַזעלכע 'לימודים' וואָס קענען אים העלפן צו טוישן זיינע וועגן!** ווי ס'איז דערמאַנט געוואָרן אַז אַ איד וואָס ווייסט אַז ער דאַרף אָנקומען צו עצות אויף תשובה, איז ער נישט צופרידן פון בלויז זיצן ביי דער גמרא, נאָר **ער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַזאַ סאָרט מענטש וואָס וויל אַלעמאָל הערן און וויסן נאָך און נאָך עצות און מהלכים וויאַזוי צו דינען השי"ת!**

די משגיחים אין ישיבה פלעגן רעדן אַז מען דאַרף 'ליגן אין לערנען' אַז אפילו אין עס-זאַל חזר'ט מען דעם 'קצות' און אפילו נאָך דעם סדר נאַכט סדר ליגט מען נאָך אין דער סוגיא, מען

**אותיות מחכימות** — צוואת הריב"ש (אות קיז)

אין היצר הרע מפתה את האדם שלא ילמוד כלל, כי ידוע לו שאין שומע האדם לזה, כי כאשר לא ילמוד כלל, לא יהיה חשוב בעיני הבריות ולא ייקרא למדן. **אך היצר הרע מפתה אותו שלא ילמוד איזה דבר שיבוא לו יראת שמים מזה, כמו ספרי מוסר או שולחן ערוך** לידע הדין על בוריו, אך מפתה אותו שיעסוק תמיד רק בגמרא עם כל המפרשים.

שרייבט און מען איז מחדש, א.א.וו. אַזאַ סאָרט צוגאַנג דאַרף זיין ביי יעדן איד, אפילו ביי בעלי בתים וואָס זענען פאַרנומען. **נאר אַנשטאָט ליגן אין אַ 'קצות' אָדער אַ 'נתיבות' קען מען אויסנוצן יעדע רגע צו זיין אַ 'לערנער', זיך צו לערנען וויאַזוי מען קען זיך טוישן כסדר!**

## זיך לערנען פון דערהויבענע חסידי'שע אידן

דעריבער האָט מען געזען אַסאַך ביי חסידי'שע אידן אַז זיי האָבן אַלעמאָל געוואָלט זיך טרעפן מיט געהויבענע חסידים ואנשי מעשה, אַז זיי זאָלן זיך קענען אָפּלערנען פון זייערע מעשים, ווי עס שטייט "גדולה שימושה יותר מלימודה".

ס'איז דאָ זאַכן וואָס מען קען דאָס נישט אליינס טרעפן אין קיין ספר, **הערשט נאָכדעם וואָס מען זעט דאָס ביי אַן ערליכן איד, זעט מען שוין אויך אַז דאָס שטייט אין די ספרים הק'**. ס'איז נישטאָ נאָך אַזאַ סאָרט 'לימוד' ווי דאָס וואָס מען קען זיך לערנען ווען מען דרייט זיך ביי עלטערע געהויבענע חסידי'שע אידן! למשל ווען מען זעט וויאַזוי זיי זענען זיך אינגאַנצן מבטל פאַר'ן רבוש"ע: "אַז דער אויבערשטער וויל אַזוי, זאָל זיין אַזוי, איך וועל עפּעס איינטיילן פאַר'ן רבוש"ע?!". **מען דאַרף דאך הערן אַזאַ מימרא עטליכע הונדערט מאָל יעדן טאָג!**

## דער בליק פון אַ פאַרצייטישער איד; זיין צופרידן מיט די הנהגת השי"ת

אַ איד האָט פאַרציילט אַז ער איז אַמאָל געגאַנגען צו זיין זיידע - וואָס איז אַריבער די מלחמה און האָט זיך געהאַלטן מיט אַ שטאַרקייט מיט'ן רבוש"ע - און ער האָט געבעטן זיין זיידע אַז ער דאַרף אַ ברכה, ווייל ער האָט עטליכע מיידלעך, און ער וויל שוין זוכה זיין צו אַ בן זכר. **דער זיידע האָט אים אָנגעקוקט ווי ער איז אַראָפּגעפאַלן פון דער לבנה,** און ער זאָגט אים: "ס'פּאַסט דיך נישט וואָס דער אויבערשטער האָט דיר געגעבן?! ביז דו באַקומסט נישט קיין בן זכר וועסטו נישט זיין צופרידן?!"

מען רעדט יעצט נישט פון דער זאַך אליינס. למעשה טרעפט מען דאָך תפלות אויף דעם ענין פון בנים זכרים, **מען רעדט פון די מחשבה וואָס ליגט אונטער די ווערטער.** די פּשטות וויאַזוי דער איד האָט דאָס געזאָגט! דאָס איז אַ בליק פון אַן ערליכן איד: **"איך גיי עפּעס איינטיילן פאַר'ן אויבערשטן וויאַזוי ער זאָל פירן זיין וועלטעלע?! ס'איז דאך אַ חוצפּה"...** מען לעבט דאך אַזויפיל בעסער, אפילו בגשמיות, ווען מען האָט אַזאַ מהלך המחשבה!

דער מושג פון 'קבלת יסורים באהבה' מיינט נישט דוקא יסורים פון הימל און נישט דוקא יסורים בכלל. **דער עיקר איז אַז דער מענטש זאל ווערן אַזאַ סאָרט מענטש וואָס איז מקבל אַלעס וואָס פּאַסירט מיט אים.** - "אַז דער רבוש"ע האָט געוואָלט אַזוי, זאָל זיין אַזוי; אַז דער איד האָט מיך אריינגעפליקט, זאָל זיין אַזוי; אויב עפּעס גייט נישט וויאַזוי איך האָב געפּלאַנט, זאָל זיין אַזוי". ער קריגט זיך נישט, ער שרייט נישט אויף מענטשן. **נישט ווייל ער איז זיך מתגבר און ער האַלט זיך איין, נאר ווייל ער טראַכט - "ווער בין איך בכלל דאָ?! איך בין בלויז אַן עבד ה' און אַז דער רבוש"ע האָט געוואָלט אַזוי, זאָל זיין אַזוי".**

## וויאַזוי אַ געהויבענער איד קוקט אָן מצות צדקה

איך בין אַמאָל געזיצן מיט אַן עלטערער חשוב'ער איד און מיטגעהאַלטן וויאַזוי מענטשן קומען אומאויפהערליך בעטן פון אים צדקה, און ער טיילט פאַר יעדן איינעם בסבר פנים יפות. כ'האָב זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אים געפרעגט: "וויאַזוי באַווייזט איר דאָס?! איך רעדט נישט וועגן די חלק פון די געלט וואָס איר טיילט אויס, נאר אויף דעם וואָס מען מוטשעט אייך אַזויפיל אויס און מען נעמט אייך אַוועק דעם ישוב הדעת?!".

דער איד האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַפּאָר אויגן און ער זאָגט מיר: **דער פּראָבלעם איז נאָר דאָ ווען איינער רעדט זיך איין אַז געבן צדקה האָט בלויז מיט 'געלט'.** אַזאַ מענטש זאָגט: "איך געב דיר די געלט אָבער מוטשע מיך נישט; טרעף מיך נישט אין בית המדרש; קלינג מיך נישט אין שטוב; מאַך מיך נישט משוגע; נעם דיין צדקה געלט און טראָג זיך אָפּ פון דאָ..." און ווען איינער קומט און זאָגט אים: "כ'קען יעצט אפשר רעדן צו אייך וועגן אַ וויכטיגע צוועק", נעמט דאָס אים שוין אַרויס פון די כלים. "וואָס מוטשעט מען מיך אַגאַנצן טאָג?!".

דער פּראָבלעם איז אָבער נישטאָ אויב אַ איד פאַרשטייט אַז **אַ חלק פון געבן צדקה איז די עבודה פון 'ביטול'!** האסט געוואָלט יעצט עסן עפּעס און פלוצים קלאַפּט איינער אַריין, שטעל זיך אָפּ! יאָ, לייג אַראָפּ דעם גאָפּל און גיי רעדן מיט יענעם איד! נאָכדעם וועט די זעלבע זאַך געשען אַ צווייטע מאָל און אַ דריטע מאָל... אין אַלע מאָדנע מצבים וועלן מענטשן דיך קומען באַדערן, אַזויווי ביי 'הלל הזקן' און דאָס איז דיין עבודה! אויב אַ איד פאַרשטייט אַז דאָס איז אַ חלק פון 'מצות צדקה', דעמאָלט קען ער זיך אליינס מאַכן די החלטה: "וויל איך מקיים זיין מצות צדקה אָדער איך וויל נישט". **אויב איך וויל מקיים זיין מצות צדקה קומט עס אויף דעם אופן!**

## דער תכלית פון צדקה איז צו ווערן אַן עבד פאר דעם אויבערשטן

פאַרוואָס אַרבעט דאָס אַזוי?! זייער פּשוט! ווייל די תכלית פון צדקה איז צו מבטל זיין דעם מענטש פאַר'ן רבוש"ע. **אַ מענטש דאַרף ווערן אַן 'עבד' פאַר'ן אויבערשטן.** איינער האָט מיך געמוטשעט יעצט? איך האָב נישט יעצט קיין נערוון אים צו אויסהערן? איך בין ברוגז? **בסדר, כ'גיי דאָס אַראָפּשלינגען און כ'גיי דינען דעם אויבערשטן!** יענער האָט מיך טאַקע געבאַדערט, יענער האָט נישט קיין טאַקט, ס'איז נישט געגאַנגען מיין טאָג וויאַזוי איך האָב געוואָלט, **אָבער טאַקע דערפאַר גיי איך יעצט דינען השי"ת!**

דער **רמב"ם** פּסק'נט דאך אַז אַ מענטש וואָס האָט צוויי אויסוואַלן: ער קען געבן אַ גרויסע סכום צדקה אויף איינמאָל, אָדער קען ער געבן הונדערט מאָל קלענערע סכומים צדקה. זאָל ער ענדערש געבן הונדערט מאָל קליינע סכומים! **דאָס מאַכט דאָך אַ געוואַלדיגע ביטול פאַר'ן מענטש!** דאָס נעמט דאך אים אַרום פון אַלע זייטן! דאָ שטערט מען אים אינמיטן דאַווענען, דאָ מאַכט מען אים סתם אַזוי נערוועז, א.א.וו. **מען האָט נישט קיין השגה וואָס דאָס מאַכט מיט'ן מענטש אויב ער קריגט זיך נישט מיט דעם מצב!**

און ווידעראום פאַרקערט, אויב אַ מענטש איז פאַרנומען זיך קריגן מיט די אַלע סאָרט מצבים, **איז דאָס אַ סגולה צו באַקומען זייער יונג אַ ווייסע באָרד...** אַגאַנצן טאָג איז ער בייז אויף אַלעמען. "כ'האָב נישט קיין נערוון צו קיינעם, אַלע מאַכן מיר נערוועז"... אָבער **אַ איד וואָס בייגט זיך דעם קאָפּ ווערט 'אַן אמת'ער איד' בלויז פון אַזעלכע סאָרט סיטואַציעס.** דאָס ברענגט אים שפּעטער צו קענען דאַווענען בעסער ווייל ער איז בטל פאַר'ן רבוש"ע!

## זיך אָפּלערנען פון 'חסידים ואנשי מעשה'

מען דאַרף בלויז עפענען די אויגן און טרעפן אַזעלכע אידן וואָס מען זאָל זיך קענען לערנען פון זיי. אפילו אויב מיר זענען נאָכנישט אין דער מדריגה קען מען דאָס כאָטש מחשיב זיין און שעצן. דאָס וואָס עס שטייט אין חז"ל אַז אַ בעל תשובה דארף לערנען מער, דאָס מיינט נישט בלויז נאָך אַ בלאַט גמרא, **עס גייט אויך אַרויף אויף דעם "גדול תלמוד שמביא לידי מעשה", זיך צו לערנען פון ערליכע אידן וויאַזוי צו טראַכטן און זיך פירן!**

## די פּשוט'ע מדריגה פון 'תורה לשמה'

ווען חז"ל האָבן אונז דערציילט וואָס 'תורה לשמה' קען מאַכן פון אַ איד, **וואָס איז געווען דער פלאַן?!** אַז ס'זאָל זיין בלויז דריי אידן וואָס לערנען 'תורה לשמה' און אַלע אַנדערע זאלן זאָגן: "וואָס קען מען טון?". **דער פּלאַן איז זיכער געווען אַז יעדער איד זאל זוכן מהלכים, וויאַזוי צו אָנקומען אַז זיין תורה זאָל זיין מער 'לשמה'.** דעריבער איז טאַקע פאַרהאַן טויזנטער דרגות אין 'תורה לשמה'.

אָבער די פּשוט'ע מדריגה דערפון איז אַז אַ איד לערנט און ער זוכט דערביי וואָס ער קען מקיים זיין פון זיין לערנען. דאָס איז דאָך דער גאַנצער ענין פון לערנען חסידי'שע ספרים. ס'איז דאָ אַ מושג פון "לערנען חסידי'שע ספרים" און ס'איז דאָ אַ מושג פון "דאַווענען חסידי'שע ספרים"... ס'איז אַזאַ שאָד אויב מען לערנט דאָס נישט מיט דעם ריכטיגן התבוננות! **מען רעדט דאך פון צדיקים וואָס דער רבוש"ע האָט זיי געגעבן 'רוח הקודש',** אַז זיי זאָלן אונז אַראָפּשרייבן געוואַלדיגע 'עצות' מיט 'מהלכים', כדי אַז אַ מענטש זאָל זיך נישט סתם אַזוי אָפּבלאָנדזשן זיין לעבן מיט אַ 'מצות אנשים מלומדה' צוגאַנג. **די ספרים הק' געבן אונז דאך אַזעלכע ליכטיגע עצות, מען דאַרף דאָס לערנען בעיון רב!**

## מאַכן אַ קנייטש אין אַ ספר וואָס גיט אונז עצות פאר עבודת ה'

ווען מען באַטראַכט אַמאָל חסידי'שע ספרים וואָס באַלאַנגט פאר חסידי'שע אידן וועט מען זען אַז די ספרים האָבן אַזעלכע סימנים און קנייטשן ביי פאַרשידענע שטיקלעך און בלעטער. די פּשט דערפון איז אַז **דער איד האָט דאָרט געטראָפן 'את שאהבה נפשו',** האָט ער דאָס אָנגעצייכנט אַז ער זאָל דאָס געדענקן פאר אַ צווייטע מאָל!

היינט ליידער וועט מען בלויז זען אַ קנייטש אין אַ ספר וואו מען האָט געטראָפן אַ סגולה... דאָס איז דאך אַזאַ 'כוחי ועוצם ידי' וואָס מ'דאַרף אויסרייסן. בלויז אין דעם ספר וואָס ברענגט אַ סגולה אַז מען זאָל דאַווענען 'דריי אַזייגער פאַרטאָגס זעכציג מאָל', דאָרט האָט ער דעם קנייטש... **פאַרוואָס איז נישטאָ קיין קנייטש אין די אַלע אַנדערע ספרים, וואו ס'איז דאָ אַזויפיל עצות פאר עבודת ה'?!** ווייל אַז מ'זוכט נישט,

טרעפט מען נישט... אַ איד וואָס זוכט 'עצות', **ווערט אַזוי בשמחה ווען ער לערנט אַ ספר און ער טרעפט דאָרט אַן אוצר!** ער שפּירט ממש ווי ער האָט געטראָפן אַ טייער שטיקל 'מטמון', ער לייגט עס אַוועק און צייכנט עס אָן, ווייל ער וויל דאָס לערנען נאָכאַמאָל!

### די מורא'דיגע קדושה וואָס צדיקים האָבן אַריינגעלייגט אין זייערע ספרים

לאָמיר נעמען אַ ביישפּיל פון אַ באַקאַנטע שטיקל; די באַוואוסטע ווערטער פון דעם **אור החיים הק'** אין פּרשת אחרי אויפ'ן פּסוק 'כמעשה ארץ מצרים', וואו ער איז מבאר וויפיל דער רבוש"ע העלפט פאר יעדן איד אַז ער זאָל זיך קענען ראַטעווען פון אַלע זיינע פּראָבלעמען מיט שמירת עינים און קדושה.

חסידיישע אידן האָבן געלערנט יעדן טאָג די הייליגע ווערטער! זיי האָבן אריינגעקאכט אין דעם שטיקל הונדערטער מאָל. דער ספר איז געווען אויסגעקנייטשט. **יעדן טאָג האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט און נאָכאַמאָל געלערנט דעם שטיקל, ווייל דאָס וואַשט דאך אויס די נשמה!** עס קען מאַכן דעם מענטש פאר אַ לעכטיגער איד! די אידן האָבן זיך אַזוי געפריידט צו דעם שטיקל:

## אַ איד וואָס בייגט זיך דעם קאָפּ ווערט 'אַן אמת'ער איד' בלויז פון אַזעלכע סאָרט סיטואַציעס

"איך האָב געטראָפן אַן עצה! וועגן וועמען רעדט ער אור החיים הק'?! ער רעדט דאך וועגן מיר! איך מוטשע זיך מיט מיינע נסיונות און ס'אַרבעט עפּעס נישט, איך האָב שוין פּרובירט און נאָכאַמאָל פּרובירט, ס'איז אַזוי שווער, אָבער יעצט זעה איך אין דעם שטיקל אוה"ח הק' אַז ס'איז דאָ עצות דערויף!".

ווען מען לערנט די הייליגע ספרים איז מען פון דאָרט קונה נישט בלויז פּראַקטישע עצות, **נאר אַסאַך מער דערפון, מען באַקומט דערפון אַן 'אור' וואָס שיינט אַריין בדרך סגולה!** די אַלע חסידיישע ספרים זענען דאָך געשריבן געוואָרן בקדושה ובטהרה און **דאָס איז משפּיע אויפ'ן 'לומד'!** עס לייכט אַריין אין זיין נשמה!

נעמט אַזאַ שטיקל אור החיים הק' פּרשת אחרי: **וואָס פאַראַ הויכע מדריגה פון קדושה האָט דער אוה"ח הק' געהאַט ווען ער האָט געקענט שרייבן אַזאַ שטיקל?!** וויפיל רוח הקודש און דביקות האָט ער געהאַט אַז די פעדער האָט געקענט אַרויסשרייבן אַזעלכע פונקן פייער וואָס ער האָט מצמצם געווען אין ווערטער און געברענגט דעם אור אויף דער וועלט?! ווען מיר לערנען אַזאַ שטיקל זענען מיר זיך מדבק נישט בלויז אין די 'אותיות', נאר אין די 'נשמה': אין דאָס הייליגע פייער וואָס האָט געברענגט אַזאַ אור אויף דער וועלט!

ה

# ודרך תשובה הורית; אָנהויבן גיין אויפ'ן וועג פון תשובה אפילו אויב מען גייט דורכפאַלן

### די דורכפעלער איז אַ חלק פון דעם וועג

ווען אַן ערליכער איד הייבט אָן זיך צו פירן מיט אָט דעם מהלך פון 'התבוננות', איז ער אַלעמאָל בשמחה ווייל ער שפּירט אַז ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג! **אפילו ווען אויפ'ן וועג איז דאָ פאַרשידענע מכשולות ווערט ער נישט צעבראָכן**, ער גייט נישט יעצט שלאָפן, **ווייל ער ווייסט אַז דאָס איז אַ חלק פון דעם פּלאַן!**

אַסאַך מאָל שטייט דער מענטש אָנהויב יאָר און ער וויל זיך מתקן זיין די מעשים. אָבער ווען ער קוקט אויפ'ן קומענדיגן יאָר ווייסט ער אַז ער גייט דורכפאַלן מיט עבירות. ער קען זיך גוט און ער ווייסט אַז ער גייט נישט ווערן איבערגעדרייט אַלס אַ 'צדיק גמור', **ער פאַרשטייט אָבער גוט אַז דאָס איז דער פּלאַן!** ער לאָזט זיך אַרויס אויפ'ן וועג טראָצדעם וואָס ביז ער וועט זיך אויסלערנען וועט ער טאַקע מאַכן אַ טעות דאָ און אַ טעות דאָרט!

### די טעותים פון דעם 'עתיד' איז נישט קיין סתירה צו אָנהויבן יעצט 'תשובה'

מען פאַרציילט אַז הרה"ק **רבי משה צבי מסאווראן** זי"ע איז אַמאָל געווען אויף שבת ביי הרה"ק **רבי ברוך ממעזיבוז** זי"ע און ער האָט אים געזען אַז דער רבי ר' ברוך'ל וויינט זייער שטאַרק ווען ער זאָגט די ווערטער: "**מודה אני לפניך על כל החסד אשר עשית עמדי ואשר אתה עתיד לעשות עמי**". ווען ער האָט אים געפרעגט פּשט דערפון האָט רבי ר' ברוך'ל מסביר געווען: "לכאורה דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס דאַנקט מען שוין יעצט אויף דעם חסד 'אשר אתה עתיד לעשות עמי'?! נאר ווייל מען איז חושש אַז דעמאָלט, ווען השי"ת וועט מיך געבן די חסד, וועל איך אפשר פאַרגעסן צו דאַנקן, דערפאַר דאַנקט מען שוין יעצט על שם העתיד, און דעריבער וויין איך, ווייל **וויאַזוי קען זיין אַז איך גיי באַקומען אַ טובה פונעם אויבערשטן און איך גיי פאַרגעסן צו דאַנקן?!**"

אויף דעם שניט קען זיך מאַכן ביי אַ מענטש וואָס איז זיך מתבונן אויף זיין 'עתיד', און ער וויינט שוין יעצט ווייל ער ווייסט אַז ער גייט דורכפאַלן, עס גייט נישט טויגן אַלע זיינע מעשים, אָבער ער ווייסט אַז דער פּלאַן איז צו טרעפן 'עצות' אין דער הייליגער תורה! **די תורה וועט אים געבן עצות, און 'הבא לטהר' איז 'מסייעין אותו'!** ער גייט אַרויס אויף דער וועג פון תשובה! ער הייבט אָן זיין אַ 'מפשפש במעשיו' - ער ווערט אַזאַ סאָרט מענטש וואָס קוקט זיך אַרום וואו דאַרף ער פאַררעכטן, ער איז דאָהי בתוך הענין! אין די רגע וואָס מען ווערט אַזאַ סאָרט מענטש וואָס אַנערקענט און ווייסט זיין מצב, הייבט מען אָן זוכן עצות, און אַז מען זוכט טרעפט מען!

### די צוויי סאָרט 'יוסיף בלימודו' פון אַ בעל תשובה

דאַן הייבט דער איד צו לערנען מער, ווי חז"ל זאָגן אַז דאָס דאַרף אַ בעל תשובה טון. אָבער נישט בלויז איז ער מוסיף צו לערנען די מסכתא וואו ער האַלט; דאָס טוט ער אויך, **ווייל דאָס איז אויך אַ סאָרט ביטול און דער רבוש"ע וויל אַז אַ מענטש זאָל בטל ווערן פאַר'ן רבוש"ע מיט אַלע סאָרט ביטול.** דער אויבערשטער דאַרף אויך די סאָרט ביטול פון לערנען ווען די אויגן פאַרמאַכן זיך, ער דאַרף אַ ביטול פון לערנען מיט אַ צווייטן מיט סבלנות, ער דאַרף אַ ביטול פון קבלת יסורים באהבה, א.א.וו. די תרי"ג מצוות וואַשן אויס אַלע חלקי הנפש פון דעם מענטש און מען דאַרף האָבן אַלע פון זיי.

אויסערדעם איז דאָ נאָך אַן ענין פון 'מוסיף זיין בלימוד התורה', דהיינו אַז דער מענטש זאָל נוצן די תורה פאר אַ וועג ווייזער, נישט בלויז דורך לערנען אין אַ ספר, נאר אויך דורך 'וועלן לערנען', 'וועלן הערן', און **הנאה האָבן פון זען אַן ערליכן איד וויאַזוי ער גייט צו צו אַ מצוה מיט אַ ביטול און הכנעה!** מען דרייט זיך אַרום אַזעלכע אידן ווייל מען וויל זיך לערנען פון זיי: "כ'וויל אויך זיין אַזאַ סאָרט מענטש, וויאַזוי מאַכט מען דאָס?", מען פרעגט זיי עצות - "וויאַזוי ביזטו אָנגעקומען צו אַזאַ התנהגות?". דאָס טוישט דאך דעם מענטש!

### די הכנעה גייט אַריבער צו די קינדער און דורות

ווען אַ איד ווערט אַזאַ סאָרט מענטש, **גייט עס נאָכדעם ווייטער**, ווי דער פּסוק זאָגט **'ומל ה' אלקיך את לבבך ואת לבב זרעך'!** דאָס איז אַ געוואַלדיגע אחריות, ווי דער אור החיים הק' זאָגט אַז ווען אַ איד איז זיך מכניע לאָזט עס אַ רושם אויף זיינע אַרומיגע. **ער ווערט אַ 'מלמד תורה'!**

דאָס אַרבעט סיי 'פּראַקטיש'; אַז קינדער קוקן אויף אַ טאַטע און לערנען זיך פון אים. און דאָס אַרבעט אויך 'באופן סגולי' אַז אַ מענטש איז 'מוליד בדומה לו', **ווען אַ איד פירט זיך מיט אַ ביטול צום**

**אויבערשטן וועט עס אויטאָמאַטיש משפּיע זיין אויף זיינע קינדער!**

## די ערשטע מחשבה נאָך אַ טראַגעדיע ל״ע; די הכנעה לה׳ פון זיין פּאָטער

עס האָט פּאַרציילט אַ אינגערמאַן וואָס האָט לייַדער פּאַרלוירן אַ קינד, פאר קיין שום איד נישט געזאָגט, אַז די ערשטע בילד, ווען ער איז דאָרט געשטאַנען, בשעה שמתו מוטל לפניו, איז אים פּלוצים אַרויפגעקומען אין מח וויאַזוי זיין טאַטע גיט זיך אָפּ מיט זיין ברודער, וואָס איז געווען אַ נישט געזונט קינד.

זיין טאַטע האָט געהאַט איין קינד וואָס איז נישט געווען געהעריג בדעת, אָבער דער טאַטע האָט זיך מיט אים געטריי אָפּגעגעבן יעדן טאָג, אים צו אָנטון, מטפּל זיין און געבן צו עסן. אַסאַך מאָל האָט דאָס אומגעזונט קינד איבערגעדרייט דאָס הויז, אָדער אויסגעגאָסן דאָס עסן און מען מען האָט געדאַרפט טוישן זיינע בגדים, אָבער דער טאַטע האָט אַלעמאָל אים אָפּגעוואַשן און איבערגעטון מיט אַ געוואַלדיגע הכנעה און אַ ביטול צום רבוש״ע - ״דאָס איז מיין אַרבעט, אויב דער אויבערשטער האָט דאָס געוואָלט, טו איך עס, בדחילו ורחימו״.

אַצינד, ווען דער אינגערמאַן איז געשטאַנען אין אַזאַ מצב ל״ע, **איז אים די ערשטע זאַך ארויפגעשווימען אין קאָפּ דאָס בילד וויאַזוי זיין טאַטע שטייט מיט אַזאַ הכנעה פאַר׳ן רבוש״ע!** ער האָט בכלל נישט געהאַט אין פּלאַן דאָס צו טראַכטן, שפּעטער האָט ער זיך הערשט געכאַפּט אַז דאָס איז אים אַרויפגעקומען אין קאָפּ.

## זיך בייגן די קאָפּ פאַר׳ן רצון ה׳ ברענגט די גרעסטע שמחה

דער טאַטע האָט טאַקע נישט גערעדט מיט ווערטער, **אָבער דאָס בילד וויאַזוי ער לעבט מיט אַזאַ הכנעה צום אויבערשטן, איז אַריין אַזוי טיף פאר זיין קינד**, צו געדענקן און וויסן אַז: ״איך בין אַן עבד פאַר׳ן אויבערשטן, איך טו יעצט וואָס דער רבוש״ע האָט געוואָלט אַז כ׳זאָל טון. ס׳איז טאַקע נישט געשמאַק, אָבער אַן עבד טוט אויך נישט געשמאַקע זאַכן״... דאָס איז אים געבליבן אַזוי איינגעקריצט אין האַרץ אַז ווען ס׳איז אים אונטערגעקומען אַ טראַגעדיע איז דאָס געווען די ערשטע בילד וואָס איז אים אַריינגעקומען אין מח! קיינער האָט אים נישט געזאָגט און צוגעגרייט אַז מען דאַרף דאָס יעצט טראַכטן, נאר דער מח האָט דאָס אליינס פאַרשטאַנען, ווייל די נשמה האָט עס פאַרשטאַנען! די נשמה האָט דאָך געזען אַ איד וואָס איז זיך מבטל צום רבוש״ע און זאָגט: **״איך טייל נישט קיין דעות, כ׳בין נישט ברוגז, איך טו בלויז וואָס דער אויבערשטער הייסט״.**

ווען מען פירט זיך אַזוי באַקומט מען אַזאַ ׳קרבת אלקים׳, מען ווערט פּשוט נאָענט מיט השי״ת! אין אָנהויב איז עס טאַקע שווער, ווייל דער גוף האָט אַסאַך צו זאָגן: ״איך וויל יאָ, איך וויל נישט... ער איז שולדיג, יענער איז שולדיג...״ דער גוף האָט טענות אויף דער גאַנצער וועלט, **אָבער ווען אַ מענטש בייגט זיך די קאָפּ, ווערט ער אַן אמת׳ער איד, און דאָס לאָזט איבער אַן אייביגן רושם אויף אַלע זיינע אַרומיגע.**

## תשובה באַדייט: טוישן אונזער ׳מהות׳

׳תשובה טון׳ איז טייטש אַז אַ איד זאָל זיך מתבונן זיין וואָס פאַראַ סאָרט מענטש וויל ער זיין! מיר האָבן אַלעמאָל דעם טעות כאילו מיר האָבן נאר אַ געוויסע פּראָבלעם, און ווען מען וועט דאָס פאַררעכטן וועט אַלעס זיין פּערפעקט. דער מענטש קלערט אַז ער האָט אַ ספּעציפישע פּראָבלעם, צום ביישפּיל אַז ער דאַרף אויפשטיין פריער, כאילו נאָכדעם וואָס ער וועט אויפשטיין פרי וועט ער שוין זיין אַן ׳אדם השלם׳... ער באַטראַכט זיך ווי אַ מאַשין וואָס מ׳דאַרף בסך הכל צולייגן בלויז אַ קליינע טעכנישע טויש.

דאָס איז טאַקע גוט פאַר אַן אָנהויב, און דער אויבערשטער האָט זיכער נחת רוח פון יעדע זאַך וואָס אַ מענטש טוישט זיך, **אָבער דער אמת׳ער בליק פון אַ איד דאַרף זיין - ״וויאַזוי טויש איך מיין פּנימיות צו ווערן אַן אמת׳ער איד?! וויאַזוי ווער איך אַ איד וואָס באַלאַנגט פאַר׳ן רבוש״ע?! וויאַזוי קען איך האָבן סיי די הרגשים פון אַ ׳קינד׳ צו אַ ׳טאַטע׳ און סיי די הרגשים פון אַן ׳עבד׳ צו זיין ׳מלך׳?!״.**

## היכי דמי בעל תשובה

דאס איז תשובה! **ווען אַ איד איז זיך נאָכאַנאַנד מתבונן וויאַזוי ער קען ווערן בעסער און נאָך בעסער.** דאָס האָט נישט קיין גבול, פּונקט ווי ס׳איז נישטאָ קיין גבול צו עבודת ה׳. באמת איז עס טאַקע ׳תלוי הא בהא׳, וויפיל מער אַ איד איז בטל צום אויבערשטן, אַזויפיל מער ווערט ער אַן אמת׳ער איד.

ווען אַ מענטש עפּענט זיך די קאָפּ צו טראַכטן פון זיך אליינס מאַכט דאָס אַז ער זאָל אָנהויבן באַמערקן נאָך זאַכן און עס איז מעורר זיין תשוקה צו ווערן נאָך בעסער!

## די עיקר וואָס מען פאַרלאַנגט פון אונז איז צו ׳אָנהויבן׳

און דער עיקר לאָמיר נישט פאַרגעסן אַז דער רבוש״ע וויל פון אונז בלויז דעם ׳אָנהויב׳! ער זאָגט אונז: ״שובו אלי ואשובה עליכם״. - הייב אָן זיך אַרומקוקן; אינטערסיר זיך; לערן חסיד׳ישע ספרים; באַקען זיך מיט די ׳יסודי הדת׳, אַז אידישקייט זאָל נישט בלייבן ביי דיר ׳מצות אנשים מלומדה׳דיג, דיין הבנה אין אידישקייט זאָל נישט בלייבן פּונקט ווי ביי די פינף יאָר אַלט; הייב אָן פאַרשטיין די ׳עומק׳ פון אַ יום טוב. מען רעדט נישט פון ווער ווייסט וועלכע ׳עומק׳... מען רעדט פון די פּשוט׳ע זאַכן וואָס מען האָט גע׳חזר׳ט ביי חסידים ואנשי מעשה, די פּשטות׳דיגע הבנה פון די מצוות ה׳.

אַז מען גייט אויף דעם וועג פון ׳התבוננות׳, קען מען זיין אַ איד וואָס לערנט ׳שעות רצופות׳, אפילו ווען ער איז נישט ביי דער גמרא, ווייל **ער טראַכט אַגאַנצע צייט וואָס איז די ריכטיגע מהלך פון ווערן אַן אמת׳ער איד**, און אַזוי באַקומט ער טאַקע די סייעתא דשמיא אַז דער רבוש״ע שיקט אים שוין אונטער וואָס ער דאַרף הערן.

## דער מהות פון אַ ׳בעל תשובה׳ איז די ׳צמאון׳ און ׳ביקוש׳ צו דינען השי״ת

מיר דאַרפן ווערן ׳בעלי תשובה׳! אַ ׳בעל תשובה׳ איז אַ געוויסע מהות. קוקט אייך אַרום אויף די מענטשן וואָס מיר רופן זיי ׳בעלי תשובה׳, וועט איר זען אַז ער גיט אַזאַ קיש פאַר׳ן פּרוכת מיט אַ תמימות, ער באַדאַנקט זיך אומצאָליגע מאָל פאר זיין רב וואָס האָט אים געזאָגט אַ נייע דערהער אין אידישקייט, א.א.וו. פון וואו קומט דאָס ?! ווייל ער זוכט צו הערן, ער איז געוואָרן אַזאַ סאָרט מענטש וואָס איז אַ מקבל און אַ מבקש ה׳.

יעדער איינער פון אונז דאַרף אַזוי זיין! מ׳דאַרף נישט האָבן דערצו די לבוש פון אַ ׳בעל תשובה׳, מען דאַרף בלויז האָבן די סאָרט הארץ, די געפיל וואָס אַ מענטש שפּירט אַז עס פעלט אים: ״איך וויל ווערן אַ איד, אין וועלכע ספר שטייט דאָס?! וואו קען איך זיך איינשרייבן צו קענען בעסער פאַרשטיין אַ שטיקל קדושת לוי?!״, ער זוכט דעם אויבערשטן און דער רבוש״ע וועט אים זיכער העלפן!

## אַזאַ סארט לעבן פאַרבעסערט אונזער עוה״ז און אונזער עוה״ב

דער רבוש״ע איז אַ ׳פּותח שער לדופקי בתשובה׳, ער זוכט אַזעלכע אידן. **ער האָט אַ מורא׳דיגע הנאה פון אַזאַ סאָרט איד, וואָס הייבט אן גיין אויף דעם וועג פון תשובה.**

אפילו ווען דער מענטש איז זיך נאָך טועה און ער האָט זיך נאָכנישט גענצליך מתקן געווען זיינע מעשים, אָבער **די עצם זאַך אַז ער שטעלט זיך אַוועק אויף דעם סאָרט מצב אַז ״כ׳וויל זיך אויסלערנען וויאַזוי צו בעסער זיין אַ איד״**, מיט דעם אליינס **ווערט מען אַזוי נאָענט צום אויבערשטן**, ווי דער **רמב״ם** זאָגט אין **׳הלכות תשובה׳** אַז אין איין רגע קען מען ווערן אַ ידיד ואהוב פאַר׳ן רבוש״ע.

ברוב רחמיו וחסדיו האָט אונז דער אויבערשטער געגעבן אַזעלכע טעג, די **׳עשרת ימי תשובה׳**, אַז מיר זאָלן קענען פאַרבעסערן אונזער לעבן! דאס אָנהויבן גיין אויפ׳ן דרך התשובה מאַכט בעסער אונזער ׳עולם הבא׳ און עס מאַכט אויך בעסער אונזער ׳עולם הזה׳, אונזער ׳ישוב הדעת׳, אונזער ׳פּרנסה׳, אונזער ׳נחת׳, אַלעס וואָס אַ מענטש קען זיך נאר פארשטעלן ווערט בעסער, ווען א איד קוקט זיך אַרום און הייבט אן לעבן אַזאַ סאָרט לעבן!

## מיר זענען אַלע אין זעלבן מצב; מען דאַרף זיך נישט שעמען תשובה צו טון...

אין אַזעלכע טעג דאַרף מען מקיים זיין דעם ׳איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק׳, ווייל **אַלע זענען דאָך עוסק אין דעם זעלבן ענין.** צומאָל ווען אַ ׳בעל תשובה׳ קומט אַריין אין בית המדרש שטייט ער פון אונטן און ער קוקט ווי אַ פרעמדער אויף אַלע וועלכע ווייסן גענוי וואָס מען דאַרף טון ביים דאַווענען, און בלויז ער דאַרף זיך נאָך לערנען. אָבער יעצט, אין די ׳עשרת ימי תשובה׳, זענען מיר אַלע אין דעם זעלבן מצב, קיינער דאַרף זיך נישט שעמען...

דער רבוש״ע זאל העלפן און אונז געבן די סייעתא דשמיא אַז מיר זאָלן טאַקע קענען טון תשובה שלימה און געבענטשט ווערן מיט אַ גמר חתימה טובה און מיט אַ גוטע זיסע יאָר.